# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת אמור | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידותא

**לנפש לא יטמא בעמיו:** על דרך צחוק אמרתי בענין זה, כי הרבה אומרים שמוכרח ללמוד הבנים חכמת חיצוניות, יען שאנו בדור הזה אשר מוכרח מהדור ומכח הגלות, וע"כ עושים זה לעיקר והתורה טפל, גם מטמאים בזה הילדים, וזהו **לנפש לא יטמא בעמיו**, ר"ל בתירוצו שהוא מוכרח להיות אדם בעמיו, כי התירוצים הבל, והאמונה והבטחון אמת (פרשת מרדכי).

## דרש דרש

**לאמו ולאביו:** דער **אבן עזרא** זאגט פארוואס די תורה רעכנט אויס קודם **אמו** און נאכדעם **אביו**, ווייל געוועגליך לעבט דער מאן לענגער ווי די פרוי. לכאורה איז אבער שווער אז מיט עטליכע פסוקים שפעטער שטייט יא **לאביו ולאמו** לא יטמא קודם אביו און נאכדעם אמו.

ווערט געברענגט א הערליכער תירוץ אז דער פסוק שפעטער רעדט זיך פון א כהן גדול, און אין אלגעמיין ווער ווערט א כהן גדול, א כהן וואס זיין טאטע איז געווען דער כהן גדול, און ער איז נפטר געווארן ווערט דער זון דער כהן גדול אויף זיין פלאץ, ווי מיר האבן געלערנט אין פר' אחרי, **והכהן המשיח תחתיו מבניו**, ממילא קומט געוועגליך אויס ביי א כהן גדול די הלכות פון טומאת אב פאר טומאת אם, ווייל אפי' אויב די מאמע איז פריער געשטארבן, איז ער דאך אבער דעמאלטס נאכנישט געווען דער כהן גדול, וועגן דעם שטייט ביי כהן גדול קודם **אביו** און נאכדעם **אמו**.

מיט דעם ווערט אויך פארענטפערט א שיינע קשיא וואס מען פרעגט אויף דעם וואס די גמרא זאגט אין מס' מכות (דף י"א ע"א) אז די תורה זאגט אז איינער וואס האט בשוגג גע'הרג'עט א מענטש דארף גיין אין ערי מקלט און דארט בלייבן ביז ווען דער כהן גדול שטארבט, זאגט די גמרא אז די מאמעס פונעם כהן גדול פלעגן אלס טראגן עסן און קליידונג פאר די מענטשן פון ערי מקלט, כדי זיי זאלן דארט זיין באקוועם, און נישט מתפלל זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבן. איז די קשיא, פארוואס האבן פונקט די מאמעס געטראגן די זאכן, און נישט דער טאטע פון כהן גדול?

נאר לויט די סברא איז פארענטפערט די קשיא, ווייל רוב כהנים גדולים האבן שוין נישט געהאט קיין טאטעס ווען זיי זענען אויפגענומען געווארן צו די כהונה גדולה דעריבער זענען געגאנגען די מאמעס (הג"ר יעקב געזונדהייט מווארשא ז"ל)

*

**מדרש שור או כשב או עז כי יולד:** איז דא א מדרש פליאה **וכי שור יולד והלא עגל יולד, אלא מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה:**

זאגט **הגאון רבי יהודה אסאד** זצ"ל אז די מפרשים זאגן פארוואס עס ווערט אויסגערעכנט **שור, כשב, עז**, און נישט עגל, כדי נישט צו דערמאנען דעם חטא העגל. עס איז ידוע צוויי טעמים פארוואס משרע"ה איז נישט אריין קיין ארץ ישראל, איינס ווייל ער האט געזאגט **שמעו נא המורים** ביים חטא מי מריבה. צוויי, כדי די מתי מדבר זאלן אויפשטיין ביי **תחיית המתים** אין זיין זכות.

לכאורה זענען זיך די צוויי טעמים סותר, ווייל אויב גיי איך ווי דער ערשטער טעם ווייל ער האט געזאגט **שמעו נא המורים**, ווייזט דאך אויס אז דער חטא העגל איז נישט געווען אזא גרויסער חטא, ווייל אויב יא וואלט דער אייבערשטער נישט געווען אזוי ברוגז אויפן זאגן שמעו נא המורים, און לויטן צווייטן טעם

## מעשה רב

### אמרות ה' אמרות טהורות

**דער הייליגער בעל שם טוב הק' זי"ע איז אמאל געווען אין די שטאט זאסלאב, און ער האט געזעהן אז עס איז דא גרויסע צרות, האט ער דאן געזאגט אז די סיבה פארוואס די צרות קומען איז ווייל עס קומען אראפ פון הימל די השפעות לויט פארשידענע צירופי אותיות, און דער סדר ווי אזוי די אותיות שטעלן זיך אויס דאס ווענדט זיך אין די מענטשן וואס זענען דאס מקבל, און אז די מענטשן טויגן נישט שטעלן זיך אויס די אותיות אויף אן אופן וואס ברענגט ר"ל צרות און עגמת נפש.**

**האט דער בעש"ט דאן געטוישט די צירופי אותיות, און ער האט געטוישט, אזוי ווי מען מאכט פון נגע, ענג, פון מת, תם, וכדומה, און ער האט ממתיק געווען די דינים פון די שטאט.**

**טייטשט מיט דעם דער דגל מחנה אפרים, דעם מדרש אויפן פסוק אמר אל הכהנים הה"ד אמרות ה' אמרות טהורות, דער אייבערשטער וואס ער זאגט און וואס ער שיקט אויף די וועלט איז נאר ריין און גוט, פון אים קומט נישט קיין שלעכטס, אפילו אויב אמאל זעהט מען יא אז עס איז דא מידת הדין, איז אבער כסף צרוף, די צירופי אותיות האבן כיסופין זיי גלוסטן אז מ'זאל זיי מהפך זיין לטוב, כאטש בעליל לארץ זיי האבן זיך מגלה געווען אויף די וועלט אלס דינים, דאך מזוקק שבעתים קענען זיי ארויסקומען גאר לויטער ווען דער צדיק מאכט דעם ריכטיגן צירוף.**

**דאס זאגט די תורה אמר אל הכהנים דאס זענען די צדיקים אז לנפש לא יטמא, זיי זאלן נישט לאזן די אותיות זאלן זיך מצרף זיין אויף א שוואכע בחינה פון נפש, אן קיין רוח ונשמה, וואס דאן איז דאס דינים נאר זיי זאלן ארבעטן דאס מהפך זיין פאר חסדים.**

ווייזט אויס אז דער חטא העגל איז יא געווען זייער א גרויסער חטא, אז ווען נישט דער זכות פון משה רבינו וואלטן די מתי מדבר ניטאמאל אויפגעשטאנען צו תחיית המתים.

דאס זאגט דער מדרש **שור או כשב או עז כי יולד וכי שור יולד והלא עגל יולד**, פארוואס דערמאנט ער נישט עגל? אלא מאי מוז זיין אז ער וויל נישט דערמאנען חטא העגל ווייל עס איז זייער א גרויסער חטא, ממילא האט משרע"ה נישט געקענט אריינגיין אין ארץ ישראל כדי די מתי מדבר זאלן קענען אויפשטיין תחיית המתים, **מכאן לתחיית המתים מן התורה.**

*

## והקרבתם מנחה חדשה לה':

דער קאזניצער מגיד זללה"ה אין ספה"ק **עבודת ישראל** זאגט א טייטש אויפן פסוק **עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום**, אז ביז דעם לעצטן טאג פון ספירה, וואס דאס איז **ממחרת השבת השביעית**, איז א איד בכח צו **תספרו חמשים יום**, צו מתקן זיין אלעס וואס מען האט געדארפט אויפטון אין די ימי הספירה, און ווילאנג מ'ציילט נאך ספירה האט מען נישט פארשפעטיגט.

### כי משחתם בהם מום בם

דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** האט אמאל אינמיטן זאגן תורה ביי שלש סעודות, זיך זייער שטארק צופייערט און ער האט געזאגט "איך ווייס געווי וואו אלע אידישע נשמות זענען מרומז אין די תורה הקדושה". דער עולם האט זיך דערשראקן, ווייל מ'פלעגט קיינמאל נישט הערן פון אים אזעלכע דיבורים.

אונטערן בענקל פונעם **חתם סופר** זי"ע איז געשטאנען א גאליציאנער בחור, וועלכער איז געווען פארדעכטיגט אלס איינער וואס איז צריך בדיקה אחריו, ער האט געהאט פראבלעמען מיט די אמונה. האט ער זיך אנגערופן "רבי, וואו שטייט מרומז דער רמב"ם אין די תורה?!"

דער עולם איז געווארן אויפגערעגט פון די חוצפה פון דעם בחור, אבער דער חתם סופר האט זיך ניטאמאל אויסגעדרייט צו אים, נאר ער האט ווייטער געזאגט "למען ר'בות מ'ופתי ב'ארץ מ'צרים" איז ר"ת רמב"ם וועלכער האט באוויזן נפלאות השם אין מצרים, און ער האט ווייטער ממשיך געווען צו רעדן פון די גרויסקייט פונעם רמב"ם.

דער בחור דער מחוצף האט זיך דער געקענט איינהאלטן און ער האט זיך נאכאמאל אנגערופן "רבי וואו איז מרומז משה בן מנחם?!" (דאס איז דער נאמען פון דעם רשע משה מענדלזאהן שר"י).

דא האט זיך דער **חתם סופר** שוין נישט געקענט איינהאלטן, ער האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן צו שרייען "**מ'שחתם ב'הם מ'ום ב'ם**" אין די זעלבע ראשי תיבות ווי "**מ'שה ב'ן מ'נחם ב'ערלין**".

נאכדעם האט מען דעם בחור פאריאגט פון דארט, ער איז געווארן א הויז-לערער אין א דארף, ער איז ארויסגעגאנגען לתרבות רעה, און מען האט מער נישט געהערט פון אים.

# בפרדס הפרשה

## וספרתם לכם ממחרת השבת

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די מצוה פון "**וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה**" א מצוה וואס מיר זענען בפועל מקיים אין די טעג.

דער **חינוך** (מצוה ש"ו) שרייבט אז דער טעם פון מצות ספירת העומר איז "**להראות בנפשינו החפץ הגדול אל היום הנכבד בלבנו**" אז מיר ווייזן ארויס ווי שטארק מיר קוקן ארויס אויף דעם הייליגן יו"ט שבועות, דעריבער ציילן מיר די טעג צו ווייזן דאס חשיבות פון יעדן פארבייגייענדן טאג צום יו"ט שבועות.

מיט דעם איז דער **חינוך** מסביר פארוואס מיר ציילן ספירה וויפיל טעג עס איז שוין אריבערגעגאנגען, און נישט וויפיל טעג מיר האבן נאך צו שבועות, ווייל אז מ'וואלט אנגעהויבן צו ציילן 49 טעג צום יו"ט וואלט דאס נישט געצייגט אויף די גרויסע שמחה וואס מיר האבן מיט יעדן טאג וואס מיר ווערן נענטער צו מתן תורה. איז טאקע אליבא דאמת – לויט דעם טעם – נאכן 25'סטן טאג, ווען די נומערן ווערן שוין גרעסער, וואלט מען שוין יא געדארפט אנהייבן צו ציילן אויף וויפיל טעג מיר האבן נאך ביז מתן תורה, אבער מען טוישט שוין נישט דעם סדר ווען מען האלט שוין אינמיטן ציילן.

**פארוואס מאכט מען נישט די ברכה "שהחיינו" דעם ערשטן טאג ווען מען הייבט אן צו ציילן ספירה?**

דער **בעל המאור** (סוף מס' פסחים) זאגט א טעם ווייל די מצוה פון ציילן ספירה איז דאך נאר אלס א זכר צו די מצוה פון **קצירת העומר** אין פסח, און **הקרבת קרבן** און **שתי הלחם** אין שבועות, וואס דעמאלטס איז אנגעגאנגען די מצוה פון ציילן די טעג, אבער היינט בזמן שאין בית המקדש קיים, איז דאך די מצוה נישט נוגע למעשה, דעריבער מאכט מען נישט קיין שהחיינו אויף אזא מצוה.

נאך א טעם זאגט דער **בעל המאור** ווייל די ברכה פון **שהחיינו** זאגט מען אויף א מצוה וואס מען האט הנאה דערפון, ווי לולב וואס קומט איבער די שמחה פון זמן שמחתינו, **תקיעת שופר** וואס איז א זכרון לאבינו שבשמים, ליינען די מגילה איז א הנאה מען דערמאנט די נסים דחס רחמנא עלן ופרקינן, אבער **ספירה** איז נישט קיין זכר צו קיין שום הנאה נאר אדרבא, עס ברענגט אויף עגמת נפש ווען עס דערמאנט די מצוות וואס מיר האבן היינט נישט זייטן חורבן, דעריבער מאכט מען נישט קיין **שהחיינו**.

דער **מטה משה** זאגט א אנדערע תירוץ ווייל געוועינליך זאגט מען שהחיינו אויף א מצוה וואס מען איז תיכף מקיים, דא וועט מען מאכן א שהחיינו דעם ערשטן טאג אויף די **ספירה** וואס מ'וועט ציילן די קומענדיגע 49 טאג, און אויב איינער וועט איין טאג פארגעסן צו ציילן ספירה, קומט אויס אז עס וועט למפרע ווערן א ברכה לבטלה, ווייל די מצוה איז נאר אויב מ'ציילט אלע 49. דעריבער האט מען נישט מתקן געווען צו מאכן א שהחיינו.

דער **בני יששכר** ברענגט א תירוץ בשם **הרה"ק ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע** אז דאס ציילן ספירה איז נאר אן הכנה למצוה צום יו"ט שבועות, און אויף שבועות גופא מאכט מען דאך שוין א שהחיינו, מילא אויף די הכנה אליין מאכט מען נישט קיין שהחיינו (וכן מובא בשם הגה"ק בעל קדושת לוי)

**פארוואס ציילט מען נישט יעדן טאג ספירה צוויי טעג מחמת ספיקא דיומא, אזוי ווי מיר האלטן יעדן יו"ט צוויי טעג?**

דער **בעל המאור** ענטפערט ווייל אויב מען וועט ציילן יעדן טאג צוויי טעג מחמת ספיקא דיומא, וועט מען דאך די ערשטע נאכט שבועות אויך ציילן דעם 49'סטן טאג מחמת ספק, און דאס איז א בזיון פארן יו"ט צו ציילן און ווייזן אז דער גאנצער יו"ט איז א ספק דעריבער ציילט מען נאר איין טאג.